

*S. An-sky (aka Shloyme Rapoport, 1863–1920) was a Russian, Hebrew, and Yiddish writer, ethnographer, and revolutionary. An-sky grew up in Vitebsk (present-day Belarus), where he received a traditional Jewish education but also read Hebrew and Russian literature. In addition to works of literature and scholarship, he also wrote pamphlets and other political tracts in support of populist and socialist movements, both Russian and Jewish. An-sky's 1912–14 ethnographic expedition among the Jewish communities in the Pale of Settlement provided the inspiration for his play* The Dybbuk, *for which he is best known.*

*His novel* Pionern (Pioneers), *from which this excerpt is taken, is a poignant and ironic treatment of An-sky's own experiences as a young radical and a poor itinerant teacher.*

# פֿון פּיאָנערן: „די ערשטע שוואַלב"

## פֿון ש. אַן־סקי

אַ גרויסע אומגעלומפּערטע בויד, אַ מין נחס תּבֿה, אָנגעפּאַקט מיט פּאַרשוינען האָט זיך שווער און לאַנגזאַם געשלעפּט איבער דער ברייטער, אין גאַנצן מיט שיטערער בלאָטע פֿאַרפֿלייצטער גאַס פֿון שטעטל מילאָסלאַווקע. די פּאָר דאַרע פֿערד מיט די שטאַרצנדיקע אויסגעקראָכענע זײַטן האָבן זיך אַלע ווײַלע געשטרויכלט, געוואָרפֿן זיך אָן אַ זײַט — און די בויד האָט ווי אַ שיף אין אַ שטורעם, זיך געוויגט און געבויגן, אונטערגעשפּרונגען און זיך געטויכט אין די גריבער און „טינטערלעך". דער בעל־עגלה, אַ קליין אַלט ייִדל מיט אַן אויסזען פֿון אַ פֿאַרמאַטערטן צום טויט, אַ פֿאַרשפּריצטער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט בלאָטע, האָט מיט אַלע כּוחות אונטערגעטריבן די פֿערד מיט געשרייען און דער אָפּגעריסענער בײַטש. אין גאָר קריטישע מאָמענטן פֿלעגט ער זיך נעמען שילטן די פֿערד. און זײַנע קללות האָבן געקלונגען ווי אַ וויינענדיקע בקשה.

# An excerpt from *The First Breach*, volume one of *Pioneers*

A large, ungainly coach—a sort of Noah's ark stuffed with passengers—lumbered slowly and laboriously down the wide, mud-filled roads of the town of Miloslavka. The pair of gaunt horses, ribs protruding, stumbled repeatedly, swaying off course. The coach rocked and twisted like a ship in a storm, bounced and lunged into potholes and "inkwells" of mud. Spattered from head to foot, the coachman—a small, old Jew who looked fatigued to the bone—spurred on the horses with all his strength, shouting and flailing his ragged whip. At critical moments, he cursed the horses, and his curses rang out like a wailing plea.

**By S. An-sky, translated by Rose Waldman**

ILLUSTRATIONS BY ZOHAR LAZAR

The coach stopped at one house, then another. Moaning and sighing, dazed passengers climbed out. Legs tingling, barely alive, they began pulling bed linens, parcels, and all kinds of cases from the interior of the coach. From houses and shops, men, women, and children came running out to greet them, and the dead-silent street now rang with screams of joy, kisses, and disputes with the coachman. Then the coach lumbered onward.

After dropping off the tenth, or perhaps the twelfth, passenger, the coachman peered into the coach, where a single person sat hidden in a corner, and called out hoarsely, "Where are you going, Reb Yid, mister?"

"Where am I going?" the man responded hastily, a touch of anxiety in his tone. "To an inn. Be so kind, take me to an inn."

"To Leyvik?"

"Fine, let it be Leyvik. I don't know anyone. I'm not from around here."

With a deep groan, the coachman climbed back up on the coachbox. His plaintive cry let the horses know that they had to plod farther. A quarter of an hour later, the coach arrived at a large, derelict one-story house with a door in the center, beside which stood a tall post, a bundle of rotten hay tied to its top. As he drove into the stable, the coachman scrambled off the coachbox and shouted, "We're here! Please get out."

A young man of about twenty emerged from the coach. He was skinny, slight, with a small black beard, a hunched back, and frightened eyes. He wore a short, too-tight coat with too-short sleeves from which his bare arms protruded, ragged trousers, and patched, worn-out shoes. On his head was a new silk hat, and on his breast a grimy bib-front stitched with black thread. The young man looked around, bewildered. A long, desolate street with haphazard houses steeped in mud. On one side of the street, an old inn. The sky thick with heavy, dark clouds.

די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ איין הויז, בײַ אַ צווייט און פֿון איר זענען אַרויסגעקראָכן מיט קרעכצן און זיפֿצן מטושטשע פּאַרשוינען. מיט „אָפּגעזעסענע פֿיס“, קוים לעבעדיקע און גענומען שלעפּן פֿון בויד בעטגעוואַנט, פּעק און אַלערליי קערב. פֿון די הײַזער און קראָמען זענען אַנטקעגנגעלאָפֿן מאַנסבילן, ווײַבער און קינדער און די פּוסט טויטע גאַס איז אויף אַ ווײַלע פֿאַרהילכט געוואָרן מיט פֿריידגעשרייען, קושערײַען און מיט קריגערײַען מיטן בעל־עגלה. נאָך דעם האָט זיך די בויד געשלעפּט ווײַטער.

אַראָפּזעצנדיק דעם צענטן אָדער צוועלפֿטן פּאַרשוין האָט דער בעל־עגלה אַרײַנגעקוקט טיף אין בויד, ווו עס איז געזעסן פֿאַרשלאָגן אין ווינקל נאָך איין איינציקער פּאַרשוין, און האָט הייזעריק אויסגעשריִען:

— וווּהין פֿאַרפֿאָרן, ר׳ ייִדי?

— וווּהין פֿאַרפֿאָרן? — האָט זיך דער פּאַרשוין פֿון בויד אָפּגערופֿן שנעל, כּמעט דערשראָקן — אין אַן אַכסניא! זײַט אַזוי גוט, אין אַן אַכסניא!

— צו לייוויקן?

— זאָל זײַן צו לייוויקן. איך קען דאָ קיינעם נישט. איך בין נישט קיין היגער.

דער בעל־עגלה האָט זיך מיט אַ טיפֿן קרעכץ אַרויפֿגעקליבן צוריק אויף די קאָזלעס און מיט אַ נעבעכדיקן געשריי געגעבן צו וויסן די פֿערד, אַז מען דאַרף זיך שלעפּן ווײַטער. אין אַ פֿערטל שעה אַרום איז די בויד צוגעפֿאָרן צו אַ גרויס איינגאָרנדיק שטאַרק פֿאַרלאָזן הויז מיט אַ טויער אין דער מיט, בײַ וועלכן עס איז געשטאַנען אַ הויכער סלופּ מיט אַן אָנגעבונדן הײַפֿל צעפֿוילטער היי פֿון אויבן. אַרײַנפֿאָרנדיק אין סטאָדאָלע, איז דער בעל־עגלה אַראָפּגעקראָכן פֿון די קאָזלעס און אויסגעשריִען:

— געקומען! קריכט, זײַט מוחל, אַרויס.

פֿון בויד איז אַרויסגעקראָכן אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר צוואַנציק, אַ דאַרינקער, אַ קליינער, מיט אַ שוואַרץ בערדל, אײַנגעבויגענעם רוקן און דערשראָקענע אויגן. ער איז געווען אין אַ קורצן ענגן ראָק, מיט קורצע אַרבל, פֿון וועלכן די הענט האָבן אַרויסגעשטעקט הויל און אָרעם, אין אויסגעריבענע הויזן און אויסגעטראָטענע פֿאַרלאַטעטע שיך. אויפֿן קאָפּ — אַ נײַ זײַדן היטל און אויף דער ברוסט אַ ברודיקע מאַנישקע, איבערגעבונדן מיט אַ שוואַרץ שנירל. אַרויסקריכנדיק פֿון בויד, האָט דער יונגערמאַן מיט אַ תּמעוואַטען בליק זיך אַרומגעקוקט. אַ לאַנגע אומעטיק פּוסטע גאַס מיט פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע הײַזלעך, פֿאַרזונקענע אין בלאָטע. אין דער זײַט גאַס אַן אַלטע קרעטשמע. און אַ הימל, אַ באַדעקטער מיט שווערע פֿינצטערע וואָלקנס.

The man groaned and stretched his limbs. It was obvious that he felt uncomfortable and miserable in his tight coat and trousers. He pulled a small linen pouch out of his pocket and, turning to one side, began carefully counting out change.

The coachman pulled the young man's parcel out of the coach and waited for payment. Only now did he have a chance to notice the man's unusual attire.

"Who are you, young man? A choirboy?" he asked casually. He couldn't imagine that anyone but a choirboy would wear such clothes.

"No, not a choirboy," the man replied, frowning, and turning back, he handed the coachman a stack of copper coins. "Here's seventy-five kopecks, as we agreed."

The coachman counted the money and said in a woeful voice, "Reb Yid, you have to give me a tip. Didn't you see what kind of trip this was? Such an ordeal! Have pity. Give me a tip of at least fifteen kopecks."

"No, no," the young man said, gesturing with his hand. "I won't give you another penny. Tips! A fresh invention! We agreed on an amount. I'm not a rich man. I can't."

"Well, if you can't, you can't," the coachman said in a bitter tone. "I won't take it from you by force. May God help you." Sighing, he climbed onto the coachbox and, pointedly not wishing the man a good day, he drove off.

***"Who are you... A choirboy?" he asked casually. He couldn't imagine that anyone but a choirboy would wear such clothes.***

דער יונגערמאַן האָט אַ זיפֿץ געטון און גענומען אויסגלײַכן די ביינער. אין דעם שמאָלן רעקל און ענגע הויזן האָט ער זיך, ווײַזט אויס, געפֿילט אומבאַקוועם און אומהיימלעך. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון טאַש אַ לײַוונטענעם זעקל און, אָפּקערנדיק זיך אָן אַ זײַט, גענומען פֿאָרזיכטיק צאָלן קופּערגעלט.

דער בעל־עגלה האָט אַרויסגענומען פֿון בויד דעם יונגנמאַנס פּעקל און געוואַרט אויפֿן געצאָלט. ערשט איצט האָט ער צײַט געהאַט צו באַמערקן דעם אומגעוויינלעכן אַנצוג פֿון דעם פּאַרשוין.

— ווער איז אַ יונגערמאַן? אַ משוררל? — האָט ער, נישט לאַנג טראַכטנדיק, אַ פֿרעג געטון.

אין אַזעלכע בגדים האָט ער זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן אַן אַנדערן, ווי אַ משוררל.

נישט קיין משורר... — האָט אים אומצופֿרידן געענטפֿערט דער יונגערמאַן, און אומקערנדיק זיך, אים דערלאַנגט אַ הויפֿן קופּערגעלט.

— אָט האָט איר פֿינף־און־זיבעציק קאָפּיקעס, ווי מיר האָבן זיך באַדונגען.

דער בעל־עגלה האָט איבערגעציילט דאָס געלט און געזאָגט מיט אַ בעטנדיקן קול:

— ר׳ ייִדי! איר דאַרפֿט געבן אַ הוספֿה. איר האָט דאָך געזען וואָס פֿאַר אַ וועג עס איז געווען — אַן אָפּקומעניש! האָט רחמנות, זענט מוסיף כאָטש אַ גילדן.

ניין! ניין! — האָט דער יונגערמאַן גיך אַ מאַך געטון מיט די הענט. — מער וועל איך קיין גראָשן נישט געבן! גאָר אַ נײַעס, הוספֿות! באַדונגען זיך! איך בין קיין גבֿיר נישט, איך קאָן נישט!

— נו, קאָנט איר נישט, דאַרף מען נישט. מיט גוואַלד וועל איך בײַ אײַך נישט נעמען... זאָל אײַך גאָט העלפֿן. — האָט דער בעל־עגלה געענטפֿערט טרוקן און באַליידיקט, האָט טיף אַ זיפֿץ געטון, אַרויפֿגעקליבן זיך אויף די קאָזלעס און דעמאָנסטראַטיוו, נישט זאָגנדיק קיין „זײַט געזונט“ אָפּגעפֿאָרן.



דער יונגערמאַן איז אַרײַן אין אַכסניא. אַ גרויסע האַלב פֿינצטערע אומהיימלעך פּוסטע שטוב מיט אַן ערד־פּאָדלאָגע, מיט עטלעכע שמוציקע טישן און מיט בענק בײַ די ווענט. די לופֿט איז געווען אַ שווערע, עס האָט זיך געפֿילט דער גערוך פֿון בראָנפֿן און פֿון רויע פֿיש. בײַ אַ גרויסער לעזשאַנקע איז געזעסן אויף אַ בענקל אַ באַיאָרטע ייִדענע און געשטריקט אַ זאָק. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם אַרײַנגייענדיקן יונגנמאַן מיט אַ פֿאַרוווּנדערט פֿרעגנדיקן בליק.

— גוט מאָרגן, בעל־הביתטע. — האָט זיך געווענדט צו איר דער יונגערמאַן, בלײַבנדיק שטיין בײַ דער טיר. — בײַ אײַך איז אַן אַכסניא? מען קאָן צו אײַך פֿאַרפֿאָרן?

די בעל־הביתטע, נישט אַראָפּלאָזנדיק פֿון אים איר פֿאַרוווּנדערטן בליק, האָט געלאַסן געענטפֿערט:

— פֿאַר וואָס זאָל מען נישט קאָנען? פֿאַרשטייט זיך, מען קאָן.

— אויף עטלעכע טעג?

— אַפֿילו אויף אַ חודש... דערויף איז דאָך דאָס אַן אַכסניא.

— און וויפֿל נעמט איר פֿאַר אַ נאַכטלעגער?

— מען וועט אײַך באַלד זאָגן...

דער בעל־הבית וועט קומען, וועט ער זאָגן... קיין איבעריקס וועט מען בײַ אײַך נישט נעמען.

דער גאַסט האָט זיך באַנוגענט מיט דעם ענטפֿער, אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל און צוגעזעצט זיך אויף אַ ברעג באַנק.

— אַ שלעכטער וועג... צעבראָכן אַלע ביינער. — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ זיפֿץ.

— פֿון וואַנען פֿאָרט איר? פֿון ווײַט?

— פֿון וויטעבסק. אָנדערטהאַלבן מעת־לעת געשלעפּט זיך.

— איר זענט געקומען אַהער וועגן עפּעס אַ געשעפֿט?

— יאָ... אַן ענין, — האָט נישט גערן געענטפֿערט דער גאַסט.

די בעל־הביתטע האָט אַוועקגעלייגט דעם זאָק אויף דער לעזשאַנקע און אויפֿגעהויבן זיך.

— איר וועט עפּעס עסן? פֿאַראַן אַ שטיקל קאַלטע פֿיש.

דער גאַסט האָט אַ ווײַלע געטראַכט און ענדלעך אײַנגעשטימט:

— נו, זאָל זײַן, גיט...

The young man went into the inn. A large, gloomy, bare room with an earthen floor and a few dirty tables and benches against the wall. The air was thick; an odor of liquor and raw fish filled the room. Next to the *lezhanke*, the large extension of the brick stove used as a bed, a middle-aged woman sat in a chair knitting a sock. She lifted her head, and her gaze lingered on the young man as he entered, a surprised, questioning expression on her face.

"Good morning, ma'am," the man said to her, still standing at the door. "Is this an inn? Can a person get a bed here?"

The woman, not taking her astonished eyes off him, answered calmly, "Why shouldn't you be able to? Of course you can."

"For a few days?"

"Even for a month. That's what makes it an inn."

"And how much do you charge for a night's lodging?"

"We'll let you know soon. My husband, the innkeeper, will come; he'll be the one to tell you. You won't be overcharged."

Satisfied with this answer, the guest sat on the edge of a bench and set down his parcel.

"A terrible trip. Broke all my bones," he announced with a sigh.

"Where'd you come from? Far away?"

"From Vitebsk. Been dragging along for thirty-six hours."

"You came here on some sort of business?"

"Yes . . . uh, some matter," the guest answered.

The woman placed the sock down on the *lezhanke* and stood up. "Do you want to eat something? There's some cold fish."

The guest considered for a few moments and then agreed. "Well, might as well. Give . . ."



Pointing toward a bucket of water in a corner, the woman said, "Go wash up. The slop tub's in the hallway."

When the guest had begun to eat, the woman sat down at the table and started to question him: "Do you know anyone here? Relatives? Acquaintances?"

"No, no one."

The woman's drowsy thoughts quickened with curiosity. Who could he be, this young man in short coat and bib-front who'd traveled so far and had neither relatives nor acquaintances here?

All at once she remembered that Zelda-Glukl had been expecting someone any day now who was supposed to "have a look" at her daughter. Perhaps this was the bridegroom, and he'd deliberately dressed this way so as not to be recognized. Indeed, perhaps that's why he was so reserved and answered her questions so reluctantly. The woman was well aware that in such cases it was inappropriate and useless to interrogate the person. Still, she couldn't control her curiosity and said, "Don't take offense that I'm asking you this, but have you come here for a marriage match?"

The guest immediately understood what she meant and answered with a smile. "Ah, you think I came here to have a look at a girl? Well, you're mistaken. I came here for a completely different reason." He hurriedly finished his fish and then became more amiable. "Well, ma'am, I'll tell you the real truth about why I came here. I came here . . . I came here to give lessons. I'm a private tutor."

"What do you mean, a private tutor?"

"Just that. A tutor for writing. I teach reading and writing." After a nervous pause, he added, "In Russian, I mean."

"In Russian?" The woman looked bewildered. "Who do you teach?"

די בעל־הביתטע האָט אָנגעוויזן אויף אַ פֿעסל וואַסער אין ווינקל און געזאָגט:

— וואַשט זיך עסן. די פּאָמעניצע איז אין פֿאָרהויז.

ווען דער גאַסט האָט גענומען עסן, האָט זיך די בעל־הביתטע צוגעזעצט צום טיש און גענומען אים אויספֿרעגן:

— איר האָט דאָ וועמען עס איז — קרובֿים, באַקאַנטע?

— ניין, קיינעם נישט...

דער בעל־הביתטעס פֿאַרשלאָפֿענע געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן אָפּלעבן פֿון נײַגעריקייט. ווער קאָן דאָס זײַן דער יונגערמאַן אין אַ קורצן רעקל, אין אַ מאַנישקע, וואָס איז געקומען פֿון אַזעלכע מרחקים און האָט דאָ נישט — נישט קיין קרובֿ, נישט קיין גואל? מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זעלדע־גליקע וואַרט פֿון טאָג צו טאָג, מען זאָל קומען „אָנקוקן“ איר טאָכטער. אפֿשר האָט זיך דאָס דער חתן לכתּחילה אַזוי איבערגעטון, מען זאָל אים נישט דערקענען און דערפֿאַר איז ער טאַקע אַזוי אײַנגעהאַלטן און ענטפֿערט אָן חשק. די בעל־הביתטע האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז בײַ אַזעלכע פֿאַלן פּאַסט נישט און עס איז אומניצלעך פֿונאַנדערצופֿרעגן, פֿון דעסט וועגן האָט זי נישט געקאָנט בײַקומען איר נײַגעריקייט און געפֿרעגט:

— נעמט נישט פֿאַר אומגוט, אויב איך וועל אײַך פֿרעגן... זײַט איר נישט געקומען אַהער וועגן אַ שידוך?

דער גאַסט האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען וואָס זי מיינט און מיט אַ שמייכל געענטפֿערט:

— איר מיינט אַוודאי, אַז איך בין געקומען אַהער זען אַ כּלה? האָט איר טאַקע אַ גרויסן טעות. איך בין געקומען וועגן גאָר אַן אַנדער ענין.

ער האָט אײַלנדיק געענדיקט עסן די פֿיש און אָנגעהויבן אַ ביסל היימישער:

— אָט וואָס, בעל־הביתטע, איך וועל אײַך דערציילן דעם ריינעם אמת, נאָך וואָס איך בין אַהערגעקומען. איך בין אַהערגעקומען, איך בין געקומען אַהער געבן דאָ לעקציעס. איך בין אַ לערער.

— וואָס הייסט אַ לערער?

— גאָר פּראָסט, אַ „שרײַבער“. איך לערן לייענען און שרײַבן. רוסיש, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ נישט זיכערן טאָן.

— רוסיש? — האָט נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען די בעל־הביתטע. — וועמען־זשע לערנט איר?

“Anyone. Boys. Girls.”

The woman, finding all of this confusing, thought for a while. Then she said, “So you mean at a secular school?”

“God forbid. Who said anything about a school?” The teacher looked anxious. “I give these lessons in private homes. Like they do in all the big cities.”

“So you mean like a girls’ teacher? We already have a girls’ teacher giving private lessons.”

“You have a girls’ teacher?” the tutor asked nervously, “But she teaches only Yiddish, right?”

“Of course. She teaches the girls to read, even to write. But she herself isn’t very good at it. Poor thing, she’s a little old lady.”

“How much does she charge?” the tutor asked, still sounding anxious.

“How much she charges? Whatever they give, that’s what she takes. Ten kopecks a month, fifteen kopecks. Sometimes a warm supper. A poor little old woman.”

For a while it was quiet. Then the tutor said in a hopeful voice, “What do you think, ma’am? Will I be able to earn a little something here?”

Indifferent, the woman shrugged. “Do I know? How should I know?”

“But still, what do you think? Look, you’re a respected townswoman—may no evil eye harm you! And you live here. You can probably venture a guess.”

“Well, honestly, I don’t really understand why. Can’t people get by without it?”

“What are you talking about?” the tutor started trying to persuade her. “In these times? You’re forgetting—nowadays it’s impossible to manage without an education. In times like ours, everyone must know how to read and write. In Russian. At least a little.”

— וועמען? וועמען עס מאַכט זיך, ייִנגלעך, מיידלעך.

די בעל־הביתטע, פֿאַר וועלכער דאָס אַלץ איז געווען אומגעריכט, האָט אַ ווײַלע געטראַכט, דערנאָך האָט זי אויסגערופֿן:

— הייסט דאָס אַ שקאָלע?

— חס־ושלום! וואָס פֿאַר אַ „שקאָלע"! — האָט זיך דערשראָקן דער לערער. — אין דער היים, לעקציעס... ווי אומעטום אין די גרויסע שטעט.

— הייסט דאָס, ווי אַ רביצין? אַ רביצין איז דאָ בײַ אונדז.

— אַ רביצין איז דאָ בײַ אײַך? — האָט אומרויִק איבערגעפֿרעגט דער לערער. — אָבער זי לערנט דאָך נאָר ייִדיש?

— סע פֿאַרשטייט זיך. זי לערנט מיידלעך עבֿרי, לערנט אַפֿילו שרײַבן, נאָר זי קען נעבעך אַליין נישט. אַן אַלטע ייִדענע.

— וויפֿל נעמט זי? — האָט מיט דער זעלבער אומרויִקייט געפֿרעגט דער לערער.

— וויפֿל נעמט זי! וויפֿל מען גיט, אַזוי פֿיל נעמט זי. צען קאָפּיקעס אַ חודש, פֿופֿצן קאָפּיקעס... אַן אַנדערש מאָל גיט מען איר אָפּעסן אַ וואַרמעס, אַ וועטשערע. אַן אָרעמע ייִדענע.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. נאָך דעם האָט דער לערער מיט אַ בעטנדיקער שטים געפֿרעגט:

— ווי רעכנט איר, בעל־הביתטע, וועט זיך מיר אײַנגעבן דאָ עפּעס צו מאַכן?

די ייִדענע האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און געענטפֿערט אײַנגעהאַלטן און גלײַכגילטיק.

— ווייס איך? פֿון וואַנען זאָל איך עס וויסן?

— אָבער פֿאָרט, ווי טראַכט איר? איר זענט דאָך עפּעס, אָן עין־הרע, אַ בעל־הביתטע, אַ היגע...

— דעם אמת זאָגנדיק, פֿאַרשטיי איך נישט... צו וואָס? מע קאָן זיך נישט באַגיין אָן דעם?

— וואָס רעדט איר! — האָט אָנגעהויבן איר אײַנרעדן דער לערער. — הײַנטיקע צײַטן! איר פֿאַרגעסט, אַז איצט קאָן מען אָן דעם נישט אויסקומען! איצט מוז יעדערער קענען לייענען און שרײַבן רוסיש. כאָטש אַ ביסל.





“Everyone *must* know?” the woman repeated with a skeptical smile. She shrugged. “Thank God, neither of us—not my husband, not me—knows any Russian chicken scratch. And still, one can’t complain; we survive and make a living.”

After a moment of silence, she added, “And really, I don’t understand. Who would take a boy out of heder?”

“The day is long. You can find an empty hour. And why does it have to be boys? I teach girls too.”

“Unless girls . . . I don’t know. Maybe someone will send you a girl to tutor. Maybe you’ll find such a . . . a townswoman.” She’d nearly blurted out “such a *crazy* townswoman” but controlled herself in time.

Discouraged by the woman’s pessimistic tone and her indifference to his situation, the tutor realized that attempts to persuade her would be a waste of effort. And so he chose a different tactic. Moving a bit closer to her, he began to speak in a calm, sincere voice. “Listen, the way I see it, you’re a smart woman who understands how to do business. I’m sure you understand me. I’m a stranger here, you can see that. I know no one and no one knows me. Where should I go? Who should I talk to? How do I start? I know nothing . . . Also, I want you to know I’m not interested in all those modern things, those modern ideas, God forbid. I’m a Jew. Like all Jews, I’m looking to make enough for a piece of bread wherever we can, right?”

“Of course.”

***“I’m a stranger here, you can see that. I know no one and no one knows me. Where should I go?”***

— מע מוז קענען, — האָט די בעל־הביתטע איבערגעחזרט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל און אַ דריק געטון מיט די פּלייצעס. — אַ דאַנק גאָט, נישט מײַן מאַן, נישט איך, קענען נישט קיין „פּאָטשערעס" און פֿון דעסט וועגן, נישט צו פֿאַרזינדיקן, מיר לעבן און פֿירן אַ האַנדל.

און שווײַגנדיק אַ ווײַלע, צוגעגעבן:

— און גלאַט, איך פֿאַרשטיי נישט, ווער וועט דאָס אָפּרײַסן אַ ייִנגל פֿון חדר?

— דער טאָג איז גרויס. מען קאָן געפֿינען אַ ליידיקע שעה. און וואָס עפּעס דווקא ייִנגלעך? איך לערן מיידלעך אויך.

— סײַדן מיידלעך... איך ווייס נישט. אפֿשר וועט ווער אָפּגעבן אײַך אַ מיידל לערנען. אפֿשר וועט זיך געפֿינען אַזאַ... בעל־הביתטע.

זי האָט שיִער נישט אַרויסגערעדט „אַזאַ משוגענע בעל־הביתטע". נאָר באַצײַטנס אָפּגעהאַלטן זיך.

דער לערער האָט זיך געפֿילט געדריקט פֿון דער בעל־הביתטעס פּעסימיסטישן טאָן און איר גלײַכגילטיקייט צו זײַן לאַגע. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נעמען אײַנרעדן זי, וועט זײַן אַן אומזיסטע טירחה און ער האָט אויסגעקליבן אַן אַנדער, בעסער מיטל צו פֿאַראינטערעסירן זי. צורוקנדיק זיך אַ ביסל נעענטער, האָט ער אָנגעהויבן געמיטלעך און מיט האַרץ:

— הערט אויס... ווי איך זע, זײַט איר אַ ייִדענע אַ קלוגע און פֿאַרשטייט אַ געשעפֿט. איר וועט מיך פֿאַרשטיין. ווי איר זעט, בין איך דאָ אַ פֿרעמדער מענטש. נישט איך קען קיינעם, נישט קיינער קען מיך. וווּהין גיין? צו וועמען רעדן? פֿון וואָס אָנהייבן? — איך ווייס גאָרנישט... ווײַטער קאָן איך אײַך זאָגן, אַז איך בין נישט אויסן עפּעס וואָס דאָרט פֿון די הײַנטיקע זאַכן, הײַנטוועלטיקייט. זאָל מיך גאָט אויסהיטן. איך בין אַ ייִד, ווי אַלע ייִדן און זוך אַ שטיקל ברויט, מען דאַרף דאָך לעבן און יעדער זוכט זיך ברויט, ווּו ער קאָן. וואָס, אפֿשר נישט אַזוי?

— פֿאַרשטייט זיך.

— אַלזאָ, וואָלט איך אײַך בעטן, איר זאָלט מיר בײַהילפֿיק זײַן... איך פֿאַרלאַנג פֿון אײַך חס־ושלום נישט קיין איבעריקע טירחה. איר קאָנט מיר בײַהילפֿיק זײַן מיט אַ וואָרט, מיט אַן עצה... אַ וואָרט איז אַן אַנדערש מאָל טײַערער פֿון גאָלד... עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וועל נישט וועלן, חס־ושלום, אײַער טירחה אומזיסט. קיין גבֿיר בין איך נישט, נאָר אַ פּאָר רובל, ווי זאָגט מען דאָס... אויב עס וואָלט זיך עפּעס אײַנגעבן, וואָלט איך מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן...! ווײַטער, וואָלט איך בײַ אײַך בלײַבן אויף קוואַרטיר. ס׳איז נישט גאָט ווייסט וואָס, נאָר פֿון דעסט וועגן פֿאָרט עפּעס... און לסוף זענען מיר דאָך ייִדן, דאַרף דאָך איינער דעם צווייטן בײַהילפֿיק זײַן.

די בעל־הביתטע איז געוואָרן מונטערער. אויף איר האָבן דעם לערערס רייד געמאַכט אַן אײַנדרוק מיט זייער ווייכקייט און האַרציקייט. דער פֿאָרשלאָג פֿון עטלעכע רובל האָט אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע אויף אַ נײַעם באָדן, אַ מער געשעפֿטלעכן, פֿאַרשטענדלעכן און אינטערעסאַנטן און זי האָט שוין לעבהאַפֿטער געענטפֿערט:

— גוט, פֿאַר וואָס נישט, איך וועל זען אײַך בײַהילפֿיק זײַן... ווי זאָגט מען דאָס, מיר זענען דאָך ייִדן. אָבער איך ווייס נישט, מיט וואָס קאָן איך אײַך בײַהילפֿיק זײַן.

— סטײַטש מיט וואָס? — האָט אויסגעשריִען דער לערער — איר קאָנט מיך מיט עטלעכע ווערטער שטעלן אויף די פֿיס... איך דאַרף דאָך אײַך נישט לערנען... איר וועט נאָר פֿאַרוואַרפֿן וועגן מיר אַ וואָרט איין בעל־הביתטע, דער אַנדערער... און מער דאַרף איך נישט.

און אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זײַט, האָט ער צוגעגעבן פּאַטעטיש:

— איך בין אַפֿילו נישט קיין היגער, פֿון דעסט וועגן האָב איך פֿון אײַך געהערט: אײַער מאַן, ר׳ לייוויק... מען ווייסט אים, מען קען אים, אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן... און אײַערס אַ וואָרט וועט טאַקע האָבן אַ פּעולה...

"So I want to ask you to help me. I don't want you to work hard, heaven forbid. You can help me with a word here, a piece of advice there. Sometimes a word is more precious than gold. Of course, I wouldn't want you to go to all that trouble for free, heaven forbid. I'm not a rich man, but a few rubles, as they say . . . If something works out for me, I would, well, with the greatest pleasure—I'd continue to stay here in your lodgings. God knows, the money isn't a fortune, but still, it's something. And at the end of the day, we're Jews. We have to help each other."

The woman became more excited. The softness and warmth of the tutor's words made a deep impression on her. The offer of a few rubles brought the question to new territory—a more businesslike, practical, and interesting territory—and she answered more vivaciously now. "Good, why not? I'll try to help you. Like you said, we're Jews. But I don't really know how I can help."

"What do you mean, how?" the teacher cried. "With a few words you can set me on my feet. I don't have to teach you how. You'll just throw in a good word about me to one or two townswomen. I don't need more than that."

And tilting his head to the side, he added passionately, "I'm not from around here, and even *I* have heard about you. Your husband, Reb Leyvik, people know him, know about him. May all Jews be so lucky. A word from you will certainly accomplish a lot."

---

Rose Waldman, *a 2014 Yiddish Book Center translation fellow, holds an MFA in fiction and literary translation from Columbia University. Her translation of* The First Breach *(Volume 1 of An-sky's* Pioneers*) will published by the new Yiddish Book Center Translation Series. Her translation of I. L. Peretz's story "Married" has been published by Back Pages Books. Her work has appeared in* Pakn Treger, Ploughshares *online,* Ami *magazine,* Meorot, Blue Lyra Review, Circumference*, and elsewhere.*